Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 18, נומער 5 (90)

תּמוז תּשע״ג/יולי 2013

# אַנדערע ייִדישע שפּראַכן


אַ מוסטער פֿון ייִדיש־פּערסיש

מיר זײַנען ליבהאָבער פֿון ייִדיש, אָבער דאָס מיינט נישט אַז מיר ווילן ניט וויסן פֿון אַנדערע ייִדישע שפּראַכן. נאָר וואָס איז אַ ייִדישע שפּראַך ? אַ שפּראַך וואָס מע רעדט בײַ ייִדן ? אַוודאי[1] נישט ! אויב ס'וואָלט געווען אַזוי וואָלטן ענגליש, רוסיש און פֿראַנצייזיש געווען די גרעסטע ייִדישע שפּראַכן. די געוויינטלעכע דעפֿיניציע איז : אַ ייִדישע שפּראַך איז אַ שפּראַך וואָס איז אויפֿגעוואַקסן צווישן ייִדן אין אַ געוויס[2] אָרט ווו ייִדן האָבן זיך באַזעצט. ייִדישע שפּראַכן ווערן פֿאַרשריבן מיט ייִדישע אותיות[3] און באַשטייען פֿון צוויי (אָדער מער) קאָמפּאָנענטן : די שפּראַך פֿונעם לאַנד און עלעמענטן פֿון לשון־קודש[4] (העברעיִש און אַראַמיש[5]).

אַזוי ווי ייִדן האָבן אַ סך אַרומגעוואַנדערט[6] איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן זיך באַוויזן[7] אַ סך ייִדישע שפּראַכן. כאָטש[8] זיי זענען געווען נאָענט צו דער לאַנדשפּראַך[9] (ווייניקסטנס[10] אין אָנהייב), האָבן זיי פֿאָרט[11] געהאַט עטלעכע באַזונדערקייטן[12]. דער עיקר[13] איז דאָס געווען אַ גאַנצע שיכט[14] וואָקאַבולאַר וואָס האָט צו טאָן מיט דער ייִדישער רעליגיע און וואָס שטאַמט געוויינטלעך פֿון לשון־קודש. און פֿאַר וואָס האָבן ייִדן זיך שטענדיק געהאַלטן בײַם העברעיִשן אַלף־בית[15] ? ס'איז דאָ צוויי סיבות[16] : ערשטנס, אַזוי ווי דאַוונען[17] און לערנען תּורה[18] האָבן פֿאַרנומען אַזאַ וויכטיק אָרט אינעם ייִדישן לעבן, האָבן ייִדן קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיטן אַלף־בית. און צווייטנס, פֿלעגט מען פֿאַרבינדן[19] דעם אַלפֿאַבעט פֿון דער לאַנדשפּראַך מיט דער אָרטיקער רעליגיע. אין אייראָפּע צום בײַשפּיל, ווו במשך פֿון[20] לאַנגע יאָרהונדערטער האָבן דער עיקר די גלחים[21] געקענט לייענען און שרײַבן, האָבן ייִדן פֿאַרבונדן די לאַטײַנישע אותיות מיט קריסטנטום. אויף ייִדיש רופֿט מען אַפֿילו[22] דעם לאַטײַנישן אַלפֿאַבעט „גלחות“[23].

מיט אַ פּאָר ייִדישע שפּראַכן, ווי ייִדיש צי דזשודעזמע[24], איז די מעשׂה[25] נאָך קאָמפּליצירטער. זיי זענען געבוירן אין איין אָרט, נאָר דערנאָך, צוליב ווײַטערע ייִדישע וואַנדערונגען, זיך שטאַרק געביטן אין קאָנטאַקט מיט נײַע שכנים[26]. אָבער אויב די ייִדישע ישובֿים[27] זענען געווען סטאַביל (ווי למשל[28] אין צפֿון[29]־אַפֿריקע), איז די שפּראַך געבליבן גאַנץ נאָענט צו דער שפּראַך פֿון די שכנים (ווי ייִדיש־אַראַביש[30]).

די פֿאַרשפּרייטסטע[31] ייִדישע שפּראַכן זײַנען ייִדיש, ייִדיש־שפּאַניש (דזשודעזמע) און ייִדיש־אַראַביש. ייִדיש, ווי באַוווּסט, באַשטייט פֿון דרײַ וויכטיקע קאָמפּאָנענטן : מיטל־הויך־דײַטש[32], לשון־קודש און פֿאַרשיידענע סלאַווישע שפּראַכן. די מקורים[33] פֿון ייִדיש־שפּאַניש, וואָס מע רופֿט אַ מאָל אויך לאַדינאָ (כאָטש ס'איז ניט אָנגענומען פֿון דער מערהייט לינגוויסטן, זעט רעמל[34] ז' 7) זענען שפּאַניש פֿון קאַסטיליע, פּאָרטוגאַליש, לשון־קודש, ווי אויך אַראַביש, טערקיש און גריכיש. ייִדיש־אַראַביש איז אין דער אמתן[35] אַ גאַנצע גרופּע שפּראַכן צי דיאַלעקטן, אַזוי ווי די אַראַבישע שפּראַך אַליין. די סיטואַציע איז ענלעך מיט ייִדיש־פּערסיש (דזשידי), וואָס נעמט אויך אַרײַן פֿילצאָליקע דיאַלעקטן וואָס ייִדן האָבן אַ מאָל גערעדט אין פּערסיע.

צווישן אַנדערע, מער עקזאָטישע ייִדישע לשונות[36] קען מען דערמאָנען ייִדיש־גרוזיניש[37], ייִדיש־בערבעריש[38] און קרימטשאַק (די שפּראַך פֿון ייִדן אין קרים[39], אַ וואַריאַנט פֿון קרים־טאָטעריש[40], נאָר מיט אַ סך לשון־קודש). צום באַדויערן[41], געפֿינען זיך איצט אַ סך ייִדישע שפּראַכן אין סכּנה[42]. אין אייראָפּע זענען אַ סך רעדערס פֿון די דאָזיקע שפּראַכן אומגעקומען[43] אינעם חורבן[44]. אין אַנדערע ערטער האָט געווירקט די אַסימילאַציע אָדער די פּאָליטיק פֿונעם לאַנד. עטלעכע פֿון די ייִדישע שפּראַכן זענען שוין נישטאָ, ווי צום בײַשפּיל ייִדיש־פּראָוואַנסאַליש. דער לעצטער רעדער פֿון דער אָ שפּראַך אין דרום[45]־פֿראַנקרײַך האָט געהייסן אַרמאַן לונעל און איז געשטאָרבן אין 1977. הײַנט צו טאָג אינטערעסירן

[סוף אויף ז' 7]

1. avade bien sûr/of course/מתרוצצות 2. certain/בית סוהר 3. oysyes lettres/letters, *sing.* אות os 4. loshn-koydesh hébreu/Hebrew 5. aramish araméen/Aramaic/מתרוצצות 6. migré/migrated/מדענים 7. apparu/appeared/האשימו 8. bien que/although/בגידה 9. langue locale/national language/תחקורים 10. au moins/at least/עינויים 11. quand même/nonetheless/מדומה 12. particularités/particularities/משפט 13. ... iker surtout/mainly/ברית המועצות 14. strate/stratum/גל 15. alef-beys alphabet 16. sibes causes/reasons 17. prier/pray/מתרוצצות 18. toyre Thora/Torah 19. associer/associate/לחץ 20. bemeshekh ... au cours de/in the course of/תחומים 21. galokhim curés/priests/ריאליזם סוציאליסטי 22. afile même/even/שבחים 23. galkhes caractères latins (*mot dérivé de* *גלח galekh, prêtre)*/Latin letters (*from the word* *גלח galekh, priest)*/ריאליזם סוציאליסטי 24. judezmo, judéo-espagnol/Judeo-Spanish/הוצאות לאור 25. mayse histoire/story 26. shkheynim voisins/neighbors/כתיב 27. yeshuvim communautés/settlements 28. lemoshl par exemple/for example/תמיכה 29. tsofn du Nord/North 30. judéo-arabe/Judeo-Arabic/תחקורים 31. les plus répandus/the most widespread/תחקורים 32. moyen-haut-allemand/Middle-High-German/תחקורים 33. mekoyrim sources/תחקורים 34. encadré/box/תחקורים 35. ... e'mesn à vrai dire/in fact 36. leshoynes langues/languages, *sing.* לשון loshn 37. judéo-géorgien/Judeo-Georgian/תחקורים 38. judéo-berbère/Judeo-??? 39. Crimée/Crimea/תחקורים 40. tatar de Crimée/Crimean Tatar language/תחקורים 41. malheureusement/unfortunately/תחקורים 42. sakone danger 43. morts, péris/died/תחקורים 44. khurbn Shoah 45. dorem du Sud/South

# זשאָרזש מוסטאַקי[1]

דעם 23סטן מײַ 2013 האָט פֿראַנקרײַך פֿאַרלוירן איינעם פֿון אירע באַליבטסטע זינגערס, זשאָרזש מוסטאַקי. דער באַרימטער קינסטלער האָט געהאַט אַ קאָמפּליצירטע אידענטיטעט : אַ געבוירענער אין אַלעקסאַנדריע (מצרים[2]) אין 1934, אַ גריך לויט זײַן נאַציאָנאַליטעט (כאָטש[3] שפּעטער געוואָרן אַ פֿראַנצייזישער בירגער), האָט געשריבן און געזונגען דער עיקר[4] אויף פֿראַנצייזיש און דערצו איז ער געווען אַ ספֿרדישער[5] ייִד. זײַן אמתער[6] נאָמען איז געווען יוסף[7] מוסטאַקי. זײַנע עלטערן, ניסים[8] און שׂרה[9], האָבן געהאַלטן אַ ביכערקראָם אין אַלעקסאַנדריע. ווי אַ סך ספֿרדישע משפּחות[10], האָבן זיי געשיקט זייערע קינדער אין אַ פֿראַנצייזישער שול. צו 17 יאָר איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין פּאַריז און אָנגעהויבן שפּילן מוזיק און זיך אַרומדרייען אין מוזיקאַלישע קרײַזן, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט זשאָרזש בראַסענס און אַ ביסל שפּעטער מיט עדית פּיאַף.ביידע האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה[11] און שטאַרק געהאָלפֿן בײַ זײַן קאַריערע. מע זאָגט אַז מוסטאַקי האָט געביטן זײַן נאָמען פֿון „זשאָ“ (אַ קירצונג פֿון „זשאָזעף“) אויף „זשאָרזש“ לכּבֿוד[12] בראַסענס. ער פֿלעגט אַליין שאַפֿן די לידער וואָס ער האָט געזונגען (געוויינטלעך אי מוזיק אי ווערטער), און אויך שרײַבן פֿאַר די פּאָפּולערסטע זינגערס אין פֿאַרקרײַך (ווי איוו מאָנטאַנד, זשוליעט גרעקאָ, דאַלידאַ, באַרבאַראַ...). זײַן ערשטער שלאַגער[13] איז געווען „מילאָרד“[14] וואָס ער האָט אָנגעשריבן פֿאַר עדית פּיאַף. זײַן באַרימטסט ליד איז אַוודאי[15] „לע מעטעק“[16] – כּמעט[17] אַן אויטאָ־פּאָרטרעט פֿונעם מחבר[18] :
„מיט מײַן פֿרעמדן פּרצוף, פֿון אַ גריך אַ פּאַסטעך, פֿון אַ ייִד אַ וואַנדערער“.[19]

צווישן זײַנע פֿילצאָליקע לידער געפֿינט זיך איינס (נישט אַזוי באַקאַנט) וואָס הייסט „ייִדישע מאַמעס“. מען האָט עס איבערגעזעצט אויף ייִדיש און אויף עבֿרית[20] און איר קענט עס הערן אויף youtube געזונגען פֿונעם מחבר אַליין, מיט אַ גאַנץ גוטן ייִדישן אַקצענט ! אָט האָט איר די ערשטע סטראָפֿע[21] – פֿאַר אַ מוסטער[22] (די ייִדישע ווערסיע איז פֿונעם זינגער זשאַק גראָבער) :

*מײַן זון, ס'געפֿעלט מיר נישט דײַן מינע[23],*
*דאַרפֿסט זען צו היטן דאָס געזונט,*
*פֿאַרגעס נישט דײַנע וויטאַמינען,*
*טו זיך גוט אָן ווען ווינטער קומט.*
*איך ווייס, ביסט שוין נישט נײַן יאָר אַלט,*
*נאָר מײַן קינד ביסטו נאָך אַלץ,*
*אוי ציטערדיק[24] זענען באמת[25]*
*ייִדישע מאַמעס.*










**זשאָרזש מוסטאַקי און דער פּלאַקאַט פֿונעם פֿעסטיוואַל פֿון ייִדישע קולטורן 2013 מיט מוסטאַקיס אַ בילד.**

## מיטלענדישע[26] ייִדישע קולטור

אַלע יאָר אָנהייב זומער קומט פֿאָר אין פּאַריז אַ „פֿעסטיוואַל פֿון ייִדישע קולטורן“ („קולטורן“ אין פּלוראַל כּדי[27] אונטערצושטרײַכן[28] די פֿאַרשיידנקייט פֿון ייִדישע אָפּשטאַמען[29] אין פֿראַנקרײַך). דער פֿעסטיוואַל דויערט צוויי וואָכן און באַשטייט פֿון אַ שלל[30] קאָנצערטן, פֿילמען, רעפֿעראַטן[31], דיסקוסיעס און אויסשטעלונגען[32]. הײַיאָר איז די טעמע געווען „אַרום דעם מיטלענדישן ים“[33] און איינע פֿון די אויסשטעלונגען איז געווען : צייכענונגען פֿון זשאָרזש מוסטאַקי. איין בילד, וואָס ווײַזט אַ פֿילפֿאַרביקע[34] מיטלענדישע זון, האָט מען אויסגעקליבן צו אילוסטרירן דעם פּלאַקאַט[35] פֿונעם פֿעסטיוואַל. אָט זעט איר דעם פּלאַקאַט – נאָר וואָס טויג ער[36] אָן זײַנע קאָלירן ? טאָ פֿאַרמאַכט די אויגן און רופֿט אויף אײַער פֿאַנטאַזיע, וועט איר אפֿשר[37] זען די שיינע פֿאַרבן און הערן די שיינע שטים פֿון זשאָרזש מוסטאַקי.

1.Georges Moustaki (1934-2013) 2. MITSRAIM Égypte/Egypt 3. même si/although/מתרוצצות 4. ... IKER principalement/mainly/מתרוצצות 5. SFA'RDISHER séfarade/sephardic/מתרוצצות 6. E'MESER vrai/real/מתרוצצות 7. YOYSEF Joseph 8. Nissim 9. SORE Sarah 10. MISHPOKHES familles/families 11. HASHPOE influence 12. LEKOVED en l'honneur de/in honor of/מתרוצצות 13. tube/hit/מתרוצצות 14. "Milord" 15. AVADE bien sûr/of course/מתרוצצות 16. "Le Métèque"/מתרוצצות 17. KIMA'T presque/practically/מתרוצצות 18. MEKHABER auteur/author/מתרוצצות 19. "Avec ma gueule de métèque, de Juif errant, de pâtre grec"/With my ugly mug of a foreigner, of a wandering Jew, a Greek shepherd" /מתרוצצות 20. IVRI'T hébreu/Hebrew 21. strophe/stanza/מתרוצצות 22. échantillon/sample/מתרוצצות 23. mine/appearance/מתרוצצות 24. *ici* dévouées/*here* devoted/מתרוצצות 25. BEEMES vraiment/really/מתרוצצות 26. méditerranéen/Mediterranean/מתרוצצות 27. KEDE'Y afin de/in order to/מתרוצצות 28. souligner/emphasize/מתרוצצות 29. origines/origins/מתרוצצות 30. A SHLAL un tas de/a lot of/מתרוצצות 31. conférences/lectures/מתרוצצות 32. expositions/exhibitions/מתרוצצות 33. YAM mer/sea 34. multicolore/multicolored/מתרוצצות 35. affiche/poster/מתרוצצות 36. à quoi ça sert ?/what good is it?/מתרוצצות 37. EFSHER peut-être/perhaps/מתרוצצות.

# ספֿרדים[1] אין ניו־יאָרק




די גרויסע מערהייט פֿון ייִדן אין אַמעריקע זענען געווען אַשכּנזים[2], פֿריִער דײַטש־רעדנדיקע, אָנגעקומענע אין די יאָרן 1815 – 1860, שפּעטער ייִדיש־רעדנדיקע פֿון מיזרח[3]־אייראָפּע. אָבער וויפֿל מענטשן ווייסן אַז די סאַמע ערשטע[4] ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע זײַנען געווען 23 ספֿרדישע[5] ייִדן וואָס זײַנען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק אין 1654, אַנטלויפֿנדיק פֿון דער אינקוויזיציע אין דער פּאָרטוגאַלישער קאָלאָניע פֿון רעסיף[6] אין בראַזיל. אמת געזאָגט[7], איז ניו־יאָרק נאָך ניט געווען ניו־יאָרק, נאָר די האָלענדישע[8] קאָלאָניע נײַ־אַמסטערדאַם און אַמעריקע איז נאָך ניט געווען אַמעריקע נאָר אַ שנירל[9] אייראָפּעיִשע קאָלאָניעס אויפֿן ברעג[10] אַטלאַנטישן אָקעאַן[11] – די ענגלישע, פֿראַנצייזישע און האָלענדישע אין צפֿון[12], און די שפּאַנישע און פּאָרטוגאַלישע אין דרום[13]. דער גובערנאַטאָר פֿון דער האָלענדישער קאָלאָניע, פּיטער סטויוועסאַנט, האָט נישט געוואָלט אַרײַננעמען קיין ייִדישע אײַנוווינער, נאָר די העכערע מאַכט אין האָלאַנד האָט באַשטימט אַנדערש. אין 1664 האָט ענגלאַנד באַזיגט[14] האָלאַנד און נײַ־אַמסטערדאַם איז געוואָרן ניו־יאָרק. די קליינע גרופּע ספֿרדים איז געוואָרן די ערשטע ייִדישע קהילה[15] אין אַמעריקע. הונדערטער יאָרן זײַנען אַריבער און אַנדערע ספֿרדישע אימיגראַנטן זײַנען אָנגעקומען. זייערע קינדער פֿלעגן זיך גיך אַסימילירן און אָננעמען ענגליש, נאָר דער עלטערער דור[16] האָט נאָך אַלץ גערעדט זייער שפּראַך און געוואָלט אויף איר לייענען און שרײַבן. דעם ספֿרדישן „מאַמע־לשון"[17] האָבן זיי אָנגערופֿן „לאַדינאָ" אָדער „ספּאַניאָל" (ווי אויך „מועסטראָ ספּאַניאָל" – „אונדזער שפּאַניש"; דעם נאָמען „דזשודעזמע" – זעט דאָס רעמל[18] ז' 7 – האָט מען אין אַמעריקע ניט אַזוי אָפֿט געניצט). עס זענען אַרויסגעגאַנגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (דער עיקר[19] ניו־יאָרק) צענדליקער[20] צײַטשריפֿטן און פֿילצאָליקע ביכער אויף ספּאַניאָל און ביז הײַנט צו טאָג קען מען אַ מאָל טרעפֿן אין אַ קאַפֿע אַ גרופּע עלטערע מענער וואָס טרינקען קליינע טעפּעלעך „טערקישע" קאַווע און רעדן זייער אַלט־קאַסטיליאַנער לשון.

## ייִדן אין ברוקלין

אַ גאָר אינטערעסאַנט בוך *ייִדן אין ברוקלין*[21], וואָס איז אַרויס אין 2002 (אויף ענגליש) איז אַ זאַמלונג גבֿית־עדותן[22] וועגן דעם לעבן אין ברוקלין אין די יאָרן 1930–1960 אין פֿאַרשיידענע ייִדישע סבֿיבֿות[23]. די ספֿרדים זײַנען דאָרטן, ווי אומעטום אין אַמעריקע, געווען אַ מינדערהייט פֿון אַ מינדערהייט. לויִ מנשה[24], אַ געבוירענער אין וויליאַמסבורג (אַ קוואַרטאַל פֿון ברוקלין) אין 1936, שרײַבט וועגן דער שווערער לאַגע[25] צו זײַן אַ ספֿרד אין אַן אַשכּנזישער וועלט. אין זײַן געגנט[26] אין יענע יאָרן, שרײַבט ער, זײַנען געווען צוויי סאָרטן מענטשן: ייִדן און קאַטויליקער (קיין פּראָטעסטאַנטן האָט מען אין יענע מקומות[27] נישט געזען). די ייִדן האָבן גערעדט ייִדיש און די קאַטויליקער האָבן גערעדט איטאַליעניש אָדער שפּאַניש. דער קליינער לויִ איז געווען אַ ייִד און האָט דווקא[28] גערעדט „שפּאַניש". שוין אַ פּלאָנטער[29]! אַלע האָבן געקוקט אויף אים קרום – וואָס פֿאַר אַ ייִד קען נישט קיין ייִדיש? און ווי קען מען רעדן שפּאַניש און נישט גיין זונטיק אין קלויסטער[30]? און ווי באַלד[31] דער טאַטע איז געווען אַ פֿרײַדענקער, זײַנען זיי אויך נישט געגאַנגען אין שול[32]. די עלטערן זײַנען געקומען פֿון סאַלאָניקע[33] (הײַנט גריכנלאַנד, נאָר דעמאָלט טערקײַ). אַ גאַנץ לעבן האָבן זיי געבענקט נאָך זייער היימשטאָט, זי גערופֿן „מאַדרע דע ישׂראל"[34]. די משפּחה[35] און אויך די סבֿיבֿה פֿרײַנד האָבן גערעדט „לאַדינאָ" – נאָר די מאַמע מיט אירע שוועסטער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין פֿראַנצייזישע שולן, האָבן צווישן זיך גערעדט פֿראַנצייזיש.

## בײַ אונדז און בײַ זיי

קינדווײַז האָט דער קליינער לויִ שוין באַמערקט אַז אַלץ איז אַנדערש בײַ זיי ווי בײַ די אַשכּנזישע חבֿרים[36]. ווען יענע האָבן געזאָגט „צו געזונט" האָבן זיי געזאָגט „וויוואַס אי קרעסקאַס"[37]; ווו יענע האָבן געזאָגט „מזל־טובֿ"[38], האָבן זיי געזאָגט „מאַשאַלאַ"[39] – אַ ירושה[40] פֿון אַראַביש. זייער באָבע האָט מען נישט גערופֿן „באָבע", נאָר „נאָנאַ". זיי האָבן אַפֿילו[41] געהאַט צוויי נעמען פֿאַר די צוויי סאָרטן ייִדן: זייער נאָמען פֿאַר זיך אַליין איז געווען „דזשידיאָס"[42], די אַנדערע האָט מען גערופֿן „הודעאָס"[43] (אַרויסגערעדט ווי אויף מאָדערנעם שפּאַניש). ייִדיש, וואָס האָט אין זייערע אויערן גאָר נישט געקלונגען ראַפֿינירט,

[סוף ז' 8]



1. SFARDIM Juifs sépharades/sephardic Jews, *sing.* ספֿרד SFARD 2. ASHKENAZIM Juifs ashkenazes/ashenazi Jews 3. MIZREKh de l'Est/Eastern 4. tout premiers/very first/מתרוצצות 5. SFA'RDIShE sépharades (*adj.*)/sephardic (*adj.*)/מתרוצצות 6. Recife/מתרוצצות 7. EMES ... à vrai dire/in fact/מתרוצצות 8. hollandais/Dutch/מתרוצצות 9. chapelet/string/מתרוצצות 10. bord/edge/מתרוצצות 11. Océan atlantique/Atlantic Ocean/מתרוצצות 12. TSOFN nord/north 13. DOREM sud/south 14. vaincu/defeated/מתרוצצות 15. KEHILE communauté/community 16. DOR génération 17. ... LOShN langue maternelle/mother tongue/מתרוצצות 18. encadré/box/מתרוצצות 19. ... IKER principalement/mainly/מתרוצצות 20. dizaines/dozens (*lit.* tens)/מתרוצצות 21. *Jews of Brooklyn*, ed. I. Abramovitch, S. Galvin, BUP, 2002 22. GVIES-E'YDESN témoignages/testimonies/מתרוצצות 23. SVIVES milieux/circles 24. Louis Menashe 25. situation/מתרוצצות 26. quartier/neighborhood/מתרוצצות 27. ... MEKOYMES dans ces voisinages/in those parts/מתרוצצות 28. DAFKE justement/none other than/מתרוצצות 29. confusion/puzzle/מתרוצצות 30. église/church/מתרוצצות 31. puisque/since/מתרוצצות 32. synagogue/מתרוצצות 33. *aujourd'hui/today*/מתרוצצות Thessalonique/Thessaloniki 34. Madre de Israel, la mère d'Israël/mother of Israel/מתרוצצות 35. MIShPOKhE famille/family 36. KhAVEYRIM amis/friends 37. Vivas y crescas זאָלסט לעבן און וואַקסן 38. MAZL-TOV félicitations/congratulations 39. félicitations/congratulations/מתרוצצות 40. YERUShE héritage/inheritance 41. AFILE même/even 42. Djidios *(pronociation judéo-espagnole/Ladino pronunciation/*מתרוצצות*)* 43. Judeos *(prononcé comme en espagnol moderne/pronounced as in modern Spanish/*מתרוצצות*)*

# אונדזערע קוזינען פֿון „אַקי עסטאַמאָס“[1]







**„גייענדיק און רעדנדיק“, אַ צײַטשריפֿט פֿון „אַקי עסטאַמאָס“ וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין פּאַריז און דער פּלאַקאַט פֿונעם זומערקורס.**

שוין צוויי יאָר אַז דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער נעמט אויף[2] חשובֿע געסט[3]. זיי הייסן „אַקי עסטאַמאָס“ און זיי זענען אונדזערע קוזינען. פּונקט אַזוי ווי[4] דער ייִדיש־צענטער איז געווידמעט דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, איז די געזעלשאַפֿט[5] „אַקי עסטאַמאָס“ געווידמעט דזשודעזמע[6] און דער ספֿרדישער[7] קולטור – וואָס איז הײַנט צו טאָג אין סכּנה[8] (אַ סך ספֿרדישע ייִדן זענען אומגעקומען[9] אינעם חורבן[10] און דערנאָך האָט די אַסימילאַציע ווײַטער אָפּגעשוואַכט די שפּראַך און קולטור). מע שאַצט[11] אַז ס'איז דאָ אַרום 2500 רעדערס פֿון דזשודעזמע אין פֿראַנקרײַך, די גרויסע מערהייט אין פּאַריז.

עס זענען שוין פֿון פֿריִער געווען אין פֿראַנקרײַך ספֿרדישע ייִדן (דער עיקר[12] אין די שטעט באָרדאָ און באַיאָן[13]) וואָס זענען אָנגעקומען דאָרטן באַלד נאָכן גירוש־ספֿרד[14] אין 1492. נאָר זיי האָבן זיך רעלאַטיוו גיך אַסימילירט און אויפֿגעהערט[15] צו רעדן דזשודעזמע. די הײַנטיקע ייִדיש־שפּאַנישע פֿראַנצויזן שטאַמען פֿון ייִדן וואָס זענען אָנגעקומען אין פֿראַנקרײַך פֿון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע פֿונעם 19טן י"ה[16] אָן. די צאָל אימיגראַנטן איז שטאַרק געוואַקסן מיט דעם פּאָליטישן קריזיס אין די באַלקאַנישע לענדער אָנהייב 20סטן י"ה. אַרום 1915 האָט אַ קליינע ספֿרדישע קהילה[17] אָפּשטאַמיקע[18] דער עיקר פֿון טערקײַ און סאַלאָניקי, געקויפֿט אַ בנין[19] אינעם 11טן שטאָטפֿערטל[20] אין פּאַריז, ריִ פּאָפּענקור[21] נומער 7 און דאָרטן אײַנגעאָרדנט[22] די ערשטע ייִדיש־שפּאַנישע שול[23] אין פֿראַנקרײַך. מע האָט זי גערופֿן מיט אַ צונאָמען[24] „על סיעטע“ (וואָס מיינט טאַקע „7“) און זי איז געוואָרן אַ מין[25] צענטער פֿון דער קהילה. אין 2004 האָט מען באַנײַט די דאָזיקע טראַדיציע און געגרינדט אַ קולטורעלע געזעלשאַפֿט מיט דעם זעלביקן נאָמען „על סיעטע“.

די געזעלשאַפֿט „אַקי עסטאַמאָס“ איז געגרינדט געוואָרן אין 1998. זיי אָרגאַניזירן פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן כּדי[26] אויפֿצוהיטן די ייִדיש־שפּאַנישע קולטור : שפּראַך־לעקציעס, וואַרשטאַטן[27] (צום בײַשפּיל אַ קאָך־וואַרשטאַט), שׂימחות[28] און רײַזעס... זיי גיבן זיך אַ סך אָפּ[29] מיט מוזיק און זייער כאָר[30], וואָס ווערט אָנגעפֿירט דורך מאַרלען סאַמון[31], קומט זיך צונויף אַלע דינסטיק אין אָוונט אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. אינעם „קאַפֿע דע לאָס מועסטראָס“[32] קומט מען הערן אַ רעפֿעראַט[33] אָדער אַ קאָנצערט און נאַשן[34] גוטע זאַכן. אין 2012 האָבן זיי אָרגאַניזירט, צום ערשטן מאָל אין פֿראַנקרײַך, אַ זומערקורס פֿון דזשודעזמע וואָס איז אויך פֿאָרגעקומען הײַיאָר[35] אָנהייב יולי. אַחוץ[36] די שפּראַך־לעקציעס זענען דאָרטן געווען פֿאַרשיידענע אונטערנעמונגען – אַ פֿילם, קאָנצערטן צי רעפֿעראַטן אַרום טעמעס ווי גענעאַלאָגיע, געשיכטע פֿון די אַנוסים[37] אָדער טערקישע ספֿרדים[38] הײַנט צו טאָג. דערוואַקסענע[39] און קינדער (די געזעלשאַפֿט ווידמעט אַ וויכטיקן אָרט די יונגע דורות[40]) האָבן אויך געקענט אָנטייל נעמען אין מוזיק־ און געזאַנג־וואַרשטאַטן.

אַחוץ דעם קען מען זיך לערנען דזשודעזמע אין דעם אינסטיטוט פֿאַר מיזרחדיקע שפּראַכן[41], ווו פּראָפֿעסאָר מאַרי־קריסטין וואַראָל[42], די מחברטע[43] פֿון אַ דזשודעזמע־לערנבוך, גיט רעגולערע שפּראַך־ און קולטור־לעקציעס.

אין ייִדישע משפּחות[44] זאָגט מען אָפֿט מאָל „לאָמיר זיך זען אויף שׂימחות“[45]. מיר האָפֿן אַז די ייִדיש־קוזינען און די דזשודעזמע־קוזינען וועלן זיך ווײַטער טרעפֿן אויף שׂימחות !



1. Aki estamos, "Nous sommes là"/"We are here"/בעיקר 2. accueille/receives/בעיקר 3. kho'sheve … invités de marque/special guests/תחנת רכבת 4. de la même manière que/in the same way as/בעיקר 5. association/חוסר אונים 6. judesmo, judéo-espagnol/Judeo-Spanish/בעיקר 7. sfa'rdisher sépharade/Sephardic/ברית המועצות 8. sakone danger/ריאליזם סוציאליסטי 9. ont été assassinés/were killed/נרצח 10. khurbn Shoah/בעיקר 11. on estime/it is estimated/בעיקר 12. … iker surtout/mainly/בעיקר 13. Bayonne 14. geyresh-sfard expulsion des Juifs d'Espagne/expulsion of Jews from Spain 15. cessé de/stopped/בעיקר 16. יאָרהונדערט 17. kehile communauté/community 18. originaire/coming from/בעיקר 19. binyen immeuble/building/בעיקר 20. arrondissement/district/חוסר אונים 21. rue Popincourt 22. installé/installed/בעיקר 23. synagogue/בעיקר 24. surnom/nickname/בעיקר 25. sorte de/kind of/חוסר אונים 26. kede'y afin de/in order to/בעיקר 27. ateliers/workshops/בעיקר 28. simkhes fêtes/célébrations/תחנת רכבת 29. s'occupent/focus on/בעיקר 30. chorale/choir/חוסר אונים 31. Marlène Samoun 32. Kafe de los muestros, "Café des nôtres"/"Our Crowd" Café/בעיקר 33. conférence/lecture/בעיקר 34. grignoter/nosh, nibble/בעיקר 35. cette année/this year/בעיקר 36. akhu'ts à part/except/בעיקר 37. anusim marranes/marranos/בעיקר 38. sfardim Juifs sépharades/sephardic Jews 39. adultes/adults/בעיקר 40. doyres générations 41. … mi'zrekhdike … Institut des Langues orientales/Institute of Oriental Languages/בעיקר 42. Marie-Christine Varol 43. mekha'berte auteure/author (*fem.*)/בעיקר 44. mishpokhes familles/families 45. Revoyons-nous dans des circumstances heureuses/May we meet in happy circumstances.

# דאָס טאָגבוך[1] פֿון בנימין קעוואַל[2]

## פֿון קאַרל פּיערער

אַזוי הייבט זיך אָן דער טאָגבוך פֿון בנימין קעוואַל, אַ ייִדישער לערער און זשורנאַליסט, וואָס ער האָט עס אָנגעשריבן בשעת[3] דער רעוואָלוציע פֿון 1848. ערשט איצטער (אינעם יאָר 2010) האָט אַן עסטרײַכישער פֿאָרשער[4], וואָלפֿגאַנג גאַסער, פּובליקירט אַ דאָקטאָר־אַרבעט וואָס נעמט אַרײַן דאָס טאָגבוך און דערציילט זײַן געשיכטע.

*„בעטראַכטען וויר דיא לאַגע עסטרײַכס אינסבעזאָנדערע, זאָ זעהען וויר היער זאָ וויא אין גאַנ׳ס אייראָפּאַ, די פֿירכטבאַרען איבערגריפֿפֿע איינער דעספּאָטישען רעגיערונג אין אײַנער ווײַזע גערעכט דיא פֿיר דען וואָהלשטאַנד אונד פֿיר דיא ציפֿיליזאַציאָן פֿיעלע אונד גערעכטע בעזאָרגניססע אײַנפֿלעסען“.* [ דער צווייטער זאַץ פֿונעם טאָגבוך] אין ייִדישער איבערזעצונג : *„ווען מיר באַטראַכטן באַזונדערש די לאַגע פֿון עסטרײַך, זעען מיר אַז דאָ, אַזוי ווי אין גאַנץ אייראָפּע, נעמט מען נקמה[1] פֿאַר די שרעקלעכע מיסברויכן[2] פֿון אַ דעספּאָטישער רעגירונג און דאָס אינספּירירט פֿילצאָליקע און באַרעכטיקטע זאָרגן פֿאַר דעם וווילשטאַנד[3] און ציוויליזאַציע“.*

1. ... NEKOME on se venge/people are taking revenge/בעיקר 2. abus/abuses/בעיקר 3. bien-être/well-being/בעיקר.



די מעשׂה[5] ווי די ביבליאָטעק אין דער עסטרײַכישער שטאָט מעלק איז דערגאַנגען צו דעם ביכל איז גאָר אַן אינטערעסאַנטע. אין די 1950ער יאָרן, אין אַ סקלאַד[6] ווו מע האַלט פּאַפּירן איידער מע רעציקלירט זיי, אַנטדעקט אַן אַרבעטער אַ מאָדנע[7] ביכל. די הילע[8] און דאָס פּאַפּיר זעען אים אויס עפּעס אַלט און אַנדערש פֿון די אַנדערע פּאַפּירן. האָט ער עס גענומען אַהיים און געהאַלטן בײַ זיך ערגעץ אין אַ שאַכטל[9]. ווען ער איז געשטאָרבן אין 2003, האָבן זײַנע יורשים[10] נישט געוווּסט, וואָס דאָס ביכל איז און עס נאָך אַ מאָל אַרויסגעוואָרפֿן ! אַ גרויס מזל[11], וואָס אַן אַנדער אַרבעטער אין אַן אנדער סקלאַד האָט נאָך אַ מאָל אַרויסגענומען דאָס בוך פֿון מיסט[12] און אָפּגעגעבן דער ביבליאָטעק.

ווי מע קען זען פֿון דעם ציטאַט דאָ אויבן, האָט קעוואַל נישט געשריבן אויף ייִדיש, נאָר אויף דײַטש מיט ייִדישע אותיות[13]. פֿאַר וואָס טוט מען אַזוינס ?

דאָס באַקאַנטסטע ווערק, וואָס איז דערשינען אין אַזאַ פֿאָרעם, איז מסתּמא[14] די תּנ״ך[15]־איבערזעצונג פֿון דעם גרינדער פֿון דער השׂכּלה[16], משה מענדעלסאָן[17]. כּדי[18] צו פֿאַרשטיין די סיבה[19], דאַרף מע אַ ביסל אַרײַנקלערן אינעם משׂכּילישן[20] טראַכטן. די משׂכּילים[21] האָבן פֿײַנט געהאַט ייִדיש און געמיינט, אַז ייִדן דאַרפֿן זיך אויסלערנען דײַטש און עס ניצן ווי אַ טאָג־טעגלעך לשון[22]. אויב מע האַלט לשון־קודש[23] פֿאַר אַ שפּראַך פֿון געלערנטע (פּונקט ווי לאַטײַן בײַ גויים) און מע מיינט אַז ייִדן דאַרפֿן פֿאָרט בלײַבן בײַ זייער רעליגיע, לייגט זיך דאָך אויפֿן שׂכל[24], אַז מע זאָל איבערזעצן דעם תּנ״ך אויף דײַטש.

ווען מע גיט אַ קוק אויף אַלט־ייִדישע טעקסטן און טעקסטן וואָס זענען אויף דײַטש מיט ייִדישע אותיות, איז אַ מאָל שווער צו זען אַן אונטערשייד. אָבער אויך בײַ געוויסע מאָדערנערע ווערק, דער עיקר[25] פֿון אַמעריקע פֿון אָנהייב 20סטן י״ה[26], ניצט מען אָפֿט מאָל אַ ייִדיש וואָס איז גאָר נאָענט צו דײַטש (און וואָס מע רופֿט דערפֿאַר דײַטשמעריש[27]).

אין אַזעלכע טעקסטן איז נישט נאָר די שפּראַך, נאָר אויך דער אויסלייג[28] בכלל[29] גאָר דײַטשיש. אַ מאָל געפֿינט מען, צום בײַשפּיל, אַ שטומען „ה“ אינעם וואָרט „טייל“ („טהייל“), לויט דער אַמאָליקער דײַטשישער אָרטאָגראַפֿיע.

וואָלפֿגאַנג גאַסער, וואָס האָט איצט פּובליקירט דאָס טאָגבוך, האָט עס צוריק טראַנסליטערירט אויף לאַטײַנישע אותיות, לויט דעם מאָדערנעם דײַטשישן אויסלייג. די אַרבעט איז גאַנץ פּרטימדיק[30] וואָס שייך[31] דער געשיכטע פֿונעם טאָגבוך און דעם לעבן פֿון ייִדן פֿון דער סבֿיבֿה[32] פֿון בנימין קעוואַל. דערצו קען מען זיך דערפֿון דערוויסן ווי עס האָט אויסגעזען ווין אין יענער תּקופֿה[33], ווי ייִדן האָבן געלעבט בשעת דער רעוואָלוציע. די דערקלערונגען וועגן דעם לעבן פֿון ייִדן צווישן טשעכיי און ווין אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט זענען ממש[34] אינטערעסאַנט. גאַסער דערציילט אויך וועגן זײַנע שוועריקייטן בײַם טראַנסליטערירן. ער האָט געדאַרפֿט זיך באַקענען, צווישן אַנדערע, מיט די פּרינציפּן פֿון ייִדישן אויסלייג. אַגבֿ[35], אין איין טייל פֿונעם אַרײַנפֿיר גיט גאַסער אַן אַרײַנקלער אין דער טעמע פֿון טאָגביכער בכלל. דער דאָזיקער קאַפּיטל איז גאָר אַ טעכנישער, נאָר עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז טאָגביכער פֿון ייִדן

[סוף ז׳ 8]

1. journal intime/diary/בעיקר 2. BINYOMIN Wolfgang Gasser, *Erlebte Revolution 1848/49, das Wiener Tagebuch des jüdischen Journalisten Benjamin Kewall*, Oldenbourg/Böhlau, 2010 3. BESHA's pendant/during 4. chercheur/scholar/מתרוצצות 5. MAYSE histoire/story 6. entrepôt/warehouse/בעיקר 7. drôle de/peculiar/לא מי יודע מה 8. couverture/cover/בְּאֵר 9. boîte/box 10. YORSHIM héritiers/heirs 11. MAZL chance/piece of luck/כאן: פי שהם, לא רתוחים 12. ordures/garbage/לחלות 13. OYSYES lettres/letters, *sing*. אות OS 14. MISTOME probablement/probably/לקחת את העניינים לידיים 15. TANA'kh Bible/לנכֵּס 16. HASKOLE Haskala, les Lumières juives/Jewish Enlightenment/לרכוש 17. MOYSHE Moses Mendelssohn (1729-1786) 18. KEDE'Y afin de/in order to/לתת אמון במילה 19. SIBE raison/reason 20. MASKI'LISHN des adeptes des Lumières/of Haskalah followers/הוכחה 21. MASKILIM adeptes de la Haskala/Haskalah followers 22. LOSHN langue/language/ביקתה 23. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew /הרהר על כך 24. ... SEYKHL ça tombe sous le sens/it stands to reason שוחטים 25. ... IKER surtout/mainly /רחב למדי 26. יאָרהונדערט siècle/century/חשק רב 27. germanisé/Germanized 28. orthographe/spelling /שווה משהו 29. BEKHLA'L en général/in general/לַהַב 30. PRO'TIMDIK détaillé/detailed/גזע 31. ... SHAYEKH en ce qui concerne/concerning/שביבים 32. SVIVE milieu/חָרִיץ 33. TKUFE époque/period/משכר 34. MAMESH vraiment/really/תנופה 35. AGEV à propos/by the way

פּאָלע בואַראָ־וויטמאַן[1], אַ תּלמידה[2] פֿון די ייִדיש־לעקציעס אין מעדעם־צענטער פֿאַר ייִדיש[3] אין פּאַריז האָט אונדז צוגעשיקט אַ דערציילונג וואָס פּאַסט זיך זייער אַרײַן אין דער „שפּראַכן־טעמע“ פֿונעם איצטיקן נומער.



# דאָס ייִדישע בוך

## פֿון פּאָלע בואַראָ־וויטמאַן

אַלס קינד האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען, איז דאָס מיר זייער געפֿעלן געוואָרן. אָבער כ׳האָב באַמערקט אַז די באָבע לייענט קיין מאָל נישט, און דאָס האָב איך שטאַרק באַדויערט[4].

תּחילת[5] האָב איך געוואָלט לערנען די באָבע לייענען פֿראַנצייזיש. כ׳האָב געצייכנט[6] שיינע אותיות[7] מיט שיינע פֿאַרבן און כ׳האָב אַזוי אָנגעהויבן: „זעסטו, באָבע, ס׳איז גרינג[8] – דער **אַ** איז בלוי, דער **בע** איז רויט, און רויט מיט בלוי מאַכט **באַ**!“.

די באָבע, נעבעך[9], האָט אַ ביסל פּרובירט עפּעס צו פֿאַרשטיין, האָט געזיפֿצט[10], האָט אויף מיר געקוקט מיט רחמנות[11] און האָט זיך גאָרנישט אויסגעלערנט!

נאָך דעם האָב איך מיך באַרעכנט[12] אַז די באָבע קען יאָ[13] לייענען, אָבער ייִדיש! אַצינד האָב איך שוין געוווּסט: די באָבע באַדאַרף האָבן אַ ייִדיש בוך.

כ׳האָב געקענט דערנאָך גיין אויפֿן פּלעצל[14] ווײַל די באָבע האָט געהאַט אַ שוועגערין נאָענט פֿון דאָרטן.

אָבער אַזוי ווי מיר זײַנען געווען אַ משפּחה[15] פֿון אַפּיקורסים[16], האָב איך געמיינט אַז אַלע ייִדן זײַנען געוואָרן אַפּיקורסים. נו! איך בין געגאַנגען אויפֿן פּלעצל פּונקט[17] שבת[18]! אַוודאי[19] איז אַלץ געווען פֿאַרמאַכט! אָבער כ׳האָב נישט געוואָלט צוריקפֿאָרן אַהיים אָן אַ בוך פֿאַר דער באָבען!

ס׳איז מיר געקומען אַ חוצפּה[20], אַ שרעקלעכע[21]... איך בין צוגעגאַנגען צו אַ קליין געוועלבל[22] און האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, געקלאַפּט און ווידער געקלאַפּט... אַן אַלטע איז געקומען, אַ מיאוסע[23], האָט מיך אָנגעקוקט מיט שוואַרצע אויגן און האָט אויפֿגעהויבן די פֿויסט[24]... איך בין אַנטלאָפֿן!

די שאַנדע[25] דערמאָן איך זיך נאָך הײַנט... אָבער סײַ ווי סײַ[26] בין איך שוין צוריקגעפֿאָרן אויפֿן פּלעצל, מיט מײַן טאַשנגעלט[27], אַ דאָנערשטיק. איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין אַ שיין געוועלב. אָבער ווען כ׳האָב געבעטן אַ ייִדיש בוך פֿאַר מײַן באָבען, האָב איך געקראָגן אַ הונדערט קשיות[28]: פֿון וואַנען איז די באָבע, און ווי אַלט איז זי, און ווען איז זי געקומען קיין פֿראַנקרײַך, און וואָס האָט זי געטאָן פֿאַר אַן אַרבעט, און... און...

נאָך דעם האָט דער מוכר־ספֿרים[29], מיט אַ גוטן שמייכל, גענומען אַ בוך פֿון אַ פּאָליצע און מיר געזאָגט אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט געפֿעלן דער באָבען!

ווען כ׳בין געקומען אַהיים, האָב איך אויסגעשריגן: „באָבע! כ׳האָב אַ קליינע מתּנה[30] פֿאַר דיר!“. אַז זי האָט געזען דאָס בוך, איז זי אַוודאי געווען פֿאַרווּנדערט[31], אָבער זי האָט בלויז געזאָגט אַז איך בין „אַ שטיק[32]“!

נאָך דעם האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, האָט אויפֿגעמאַכט דאָס ייִדישע בוך, האָט אָנגעהויבן צו לייענען, און, נאָך אַ שטיקל צײַט, האָט זי אָנגעהויבן צו לאַכן! (ס׳איז געווען, דאַכט זיך מיר[33], אַ בוך פֿון שלום־עליכם[34]).

אַזוי האָב איך געוווּסט אַז זי וועט שוין לייענען איר גאַנץ לעבן לאַנג.

עטלעכע טעג זײַנען אַוועק און די באָבע האָט געלייענט – און צי בין איך שוין געווען צופֿרידן? ניין! ווײַל אַצינד האָב איך אויכעט געוואָלט לייענען ייִדיש!

כ׳האָב געבעטן די באָבע, זי זאָל מיך לערנען, אָבער זי האָט געמיינט אַז ס׳וועט מיר נישט צו ניץ קומען און זי האָט נישט געוואָלט. זי איז געוואָרן אַ ביסל בייז, האָט געזאָגט אַז ס׳איז אוממעגלעך, אַז זי האָט שוין גענוג צרות[35], אַז נאָר דאָס פֿעלט איר, אַז זי האָט נישט קיין געדולד[36]...

אָבער איך האָב כּסדר[37] געבעטן, כּמעט[38] אַלע טאָג. און אַ מאָל האָט זי מיך גענומען אויף די קני[39], און האָט אָנגעהויבן לייענען הויך און אין דער זעלבער צײַט ווײַזן די ווערטער מיט דעם פֿינגער.

אַזוי האָב איך מיך אַ ביסל געלערנט לייענען ייִדיש!

אָבער כ׳דאַרף נאָך דערציילן אַ קלייניקייט: די באָבע האָט מיר נישט געלייענט די לשון־קודשדיקע[40] ווערטער. מסתּמא[41] האָט זי מורא[42] געהאַט מיך צו צעמישן. ווען ס׳האָט זיך געטראָפֿן, האָט זי בלויז געמורמלט[43] „אַ לשון־קודש וואָרט...“.

ס׳האָט געקענט אַרויסקומען מאָדנע[44] זאַכן: „אַ חתן מיט אַ כּלה האָבן חתונה געהאַט“[45] איז געוואָרן: „אַ לשון־קודש וואָרט מיט אַ לשון־קודש וואָרט האָבן אַ לשון־קודש וואָרט געהאַט“...

אַזוי בין איך אַ ביסל ברוגז[46] מיט די לשון־קודשדיקע ווערטער... אָבער, ווי מע זאָגט: „אַז גאָט וויל שטראָפֿן[47] אַן עם־הארץ[48], לייגט ער אים אַ לשון־קודש וואָרט אין מויל אַרײַן“[49]!

1. Paule Boireau-Witman 2. TALMIDE étudiant/student (fem.) 3. Cercle amical - Centre Medem pour le yiddish 4. regrettais/regretted/אונים 5. TKHILES d'abord/at first/אונים 6. dessiné/drew/חוזר אונים 7. OYSYES lettres/letters 8. facile/easy/אונים 9. la pauvre/poor soul/חוזר אונים 10. soupiré/sighed/חוזר אונים 11. RAKHMONES pitié/pity 12. rendu compte/figured out/חוזר אונים 13. si (elle peut)/can (indeed)/חוזר אונים 14. le quartier juif de Paris/the Jewish quarter of Paris/חוזר אונים 15. MISHPOKHE famille/family 16. APIKORSIM non-croyants/non-believers/חוזר אונים 17. justement/precisely/אונים 18. SHABES shabbat/Sabbath19. AVADE bien entendu/of course/אוני 20. KHUTSPE insolence/nerve 21. terrible/frightful/אוני 22. petite boutique/little shop/חוזר אונים 23. MI'ESE laide/ugly/חוזר אונים 24. poing/fist/חוזר אונים 25. honte/shame/חוזר אונים 26. de toute façon/anyway/חוזר אונים 27. argent de poche/pocket money/חוזר אונים 28. KASHES questions/חוזר אונים 29. MOYKHER-SFORIM vendeur de livres/bookseller 30. MATONE cadeau/present 31. étonnée/astonished/חוזר אונים 32. curieux personnage/quite a character/חוזר אונים 33. il me semble/it seems to me/חוזר אונים 34. SHOLEM-ALEYKHEM 35. TSORES problèmes/problems 36. patience/חוזר אונים 37. KESEYDER continuellement/constantly 38. KIMA'T presque/almost/חוזר אונים 39. genoux/lap/חוזר אונים 40. LOSHN-KO'YDESHDIKE (*adj*) hébreu/Hebrew/חוזר אונים 41. MISTOME sans doute/probably 42. MOYRE avait peur/was afraid/חוזר אונים 43. murmuré/mumbled/חוזר אונים 44. étrange/strange/חוזר אונים 45. ...KHOSN...KALE...KHA'SENE un jeune homme et une jeune fille se sont mariés/a bride and a groom got married/חוזר אונים 46. BROYGEZ fâché/on bad terms with 47. punir/punish/חוזר אונים 48. AMORETS ignorant/ignoramus 49. *c'est une punition parce qu'il ne sait pas quoi en faire/it's a punishment because he doesn't know what to do with it*/חוזר אונים.

צווישן פֿילצאָליקע פֿאָלקסלידער אויף דזשודעזמע האָבן מיר דאָ אויסגעקליבן איינס, זייער אַ באַקאַנטס. מען קען באַמערקן ווי נאָענט עס איז צו שפּאַניש, נאָר די טראַנסליטעראַציע פֿון העברעיִשן שריפֿט איז פֿאָנעטיש, געוויינטלעך מיט איין אות פֿאַר איין קלאַנג : אַ פֿאַרן קלאַנג k „ק", אַ פֿאַרן קלאַנג g „ג"... מיר דרוקן עס אָפּ אין אָריגינאַל און מיט אַ ייִדישער איבערזעצונג.



# אַ לאַ אונאַ

| | |
|---|---|
| A la una yo nasí,<br>A las dos m'engrandesí,<br>A las tres tomi amante,<br>A las kuatro me kazí. | איינס אַ זייגער[1] בין איך געבוירן,<br>צווי אַ זייגער – אויסגעוואַקסן,<br>דרײַ אַ זייגער – זיך גענומען אַ געליבטע,<br>פֿיר אַ זייגער – חתונה געהאַט.[2] |
| - Dime ninya d'ànde vyenes ?<br>Ke te kyero konoser,<br>I si no tyenes amante,<br>Yo te arè defender. | זאָג מיר מיידעלע, פֿון וואַנען קומסטו ?<br>איך וויל זיך באַקענען מיט דיר.<br>אויב דו האָסט ניט קיין געליבטן<br>וועל איך דיר דינען. |
| Yèndome para la gerra,<br>Dos bezos al ayre di,<br>El uno es para mi madre,<br>I el otro para ti. | בײַם אַוועקגיין אויף מלחמה,[3]<br>צוויי קושן[4] געוואָרפֿן אין דער לופֿט,<br>איינעם פֿאַר מײַן מאַמען,<br>דעם צווייטן פֿאַר דיר. |

1. à une heure/one o'clock/חוסר אונים 2. KHA'SENE ... je me suis marié/I got married/חוסר אונים 3. MILKHOME guerre/war 4. baisers/kisses/חוסר אונים.

„דער פּראָגרעס", אַ וואָכן־צײַטשריפֿט אויף דזשודעזמע (וואָס מע האָט נאָך דעמאָלט געשריבן מיט ייִדישע אותיות), דערשינען אין פּאַריז אין 1864.


אנייו פרימירו · בעֹדה ֹימה · DÉPOT LÉGAL · N° 40
פארים, ז׳ תשרי, התרכד · Paris, le 7 octobre 1864
נאוזיטה די פראנסייא · איל בירדאדירו · פרוגריסו · ישראליתה · ירושלים תהלה בארץ ישעיה ס״ב
נאוזיטה סימאנאל רליזייוזה, מוראל, אי קומירסייאל.
פריסייו די אבונאמיינטו :
אין פארים : Rue Saint-Honoré, 338 · לונדרים : M. Camchi, Spital-square, 21
Directeur et Rédacteur, EZRA BENVENISTE, rue Saint-Honoré, 338.
ענה כסיל כאולתו פן יהיה חכם בעיניו.

[סוף פֿון ז׳ 1]

זיך אַ סך פֿאָרשער[46] מיט ייִדישע שפּראַכן און פּרוּוון זיי וואָס בעסער דאָקומענטירן. עס זענען אויך דאָ ענטוזיאַסטן וואָס ווילן אויפֿהאַלטן און פֿאַרשפּרייטן פֿאַרשיידענע ייִדישע שפּראַכן דורך לעקציעס, מוזיק, איבערזעצונגען און פּובליקאַציעס. אין דעם נומער וועלן מיר זיך אָפּגעבן נאָר מיט איין ייִדישער שפּראַך, דזשודעזמע, וואָס ווערט היינט גערעדט (אָדער פֿאַרשטאַנען) פֿון אַן ערך[47] הונדערט טויזנט מענטשן אין אייראָפּע, דרום־אַמעריקע, טערקײַ און ישׂראל.[48]

46. chercheurs/researchers/תחקורים 47. .... EREKh environ/about/תחקורים 48. YISROEL Israël.

## לאַדינאָ, דזשודעזמע[1], ספּאַניאָל...

דזשודעזמע (ספּאַניאָל) איז די שפּראַך פֿון ספֿרדישע[2] ייִדן וואָס זייערע אָבֿות[3] האָט מען אַרויסגעטריבן[4] פֿון שפּאַניע אין 1492. עס איז נאָענט צו קאַסטיליאַניש, מיט אַ לשון־קודשדיקן[5] קאָמפּאָנענט און עלעמענטן וואָקאַבולאַר פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן אַרום דעם מיטלענדישן ים[6] (ווי טערקיש, אַראַביש, גריכיש צי איטאַליעניש), ווו ספֿרדישע ייִדן האָבן זיך באַזעצט. מע פֿלעגט עס אַ מאָל פֿאַרשרײַבן מיטן ייִדישן אַלף־בית[7] (געוויינטלעך – רש"י־שריפֿט[8]), נאָר זינט אָנהייב 20סטן י"ה[9] ווערט עס פֿאַרשריבן מיט לאַטײַנישע אותיות[10]. לויט לינגוויסטן באַצייכנט דער נאָמען לאַדינאָ ניט די שפּראַך וואָס מענטשן רעדן, נאָר אַ קינסטלעך (געשריבן) לשון[11] וואָס מע האָט געניצט אויף איבערצוזעצן וואָרט בײַ וואָרט דעם תּנ"ך[12] און אַנדערע ספֿרים[13]. עס האָט קאַסטיליאַנישע ווערטער, נאָר דער סינטאַקס איז אַ העברעיִשער. מע פֿלעגט עס אויך פֿאַרשרײַבן מיט רש"י־שריפֿט.

1. judéo-espagnol/Judeo-Spanish/רכבת תחתית 2. SFA'RDIShE sépharades/Sephardic/בעיקר 3. OVES ancêtres/ancestors/חוסר אונים 4. expulsé/expelled/בעיקר 5. LOShN-KO'YDEShDIKN hébraïque et araméen/Hebrew and Aramaic/ברית המועצות 6. ... YAM la Méditerranée/The Mediterranean/ריאליזם סוציאליסטי 7. ALEF-BEYS alphabet 8. RAShI-... écriture Rachi/Rashi script/ריאליזם סוציאליסטי 9. יאָרהונדערט 10. OYSYES caractères/letters 11. ... LOShN langue artificielle/artificial language/ריאליזם סוציאליסטי 12. TANA'Kh Bible juive/Jewish Bible 13. SFORIM livres sacrés/holy books.

**[סוף פֿון ז׳ 3]**

האָבן זיי גערופֿן מיט אַ שפּאָטישן צונאָמען[44] „אוכטי־מוכטי“. די קינדער האָט מען נישט געשיקט זיך לערנען העברעיִש, נאָר דער טאַטע האָט געלייענט אַלע וואָך אַ ספּאַניאָלישע צײַטשריפֿט לאַ וואַראַ (דאָס געזעץ) געשריבן מיט העברעיִשע אותיות[45].

זייער „שפּאַניש“, כאָטש[46] נישט אידענטיש מיט דעם שפּאַניש פֿון די אַנדערע (מערסטנס אימיגראַנטן פֿון פּאָרטאָ־ריקאָ), האָט אַ מאָל געטויגט צו מאַכן שלום[47] צווישן קינדער. אויב אַ באַנדע פּאָרטאָ־ריקאַנער פֿלעגט זיך טשעפּען[48] צו די ייִדישע קינדער, פֿלעגט לויִ אַ זאָג טאָן – „היי אַמיגאָס, קע פּאַסאַ?“ – און דאָס איז געווען גענוג אויסצומײַדן[49] אַ קריגערײַ.

דאָס עסן איז געווען אַנדערש, דאָס טרינקען אויך, און די מוזיק אַוודאי[50]. זײַן מאַמע האָט געקאָכט און געבאַקן אַלע געשמאַקע טערקישע מאכלים[51] (ווי קעפֿטעס[52]), אַ מאָל מיט שפּאַנישע נעמען (פֿיזשאָן אי אַראָס[53]) און אַ מאָל געמישטע נעמען ווי בורעקיטאַס, די טערקישע בורעקאַ[54] מיט אַ שפּאַנישן דימינוטיוו. די אַנדערע טאַטעס פֿלעגן טרינקען שנאַפּס[55], בײַ זיי האָט מען געטרונקען ראַקי[56]. און אַנשטאָט קלעזמאָרים־מוזיק האָבן זיי ליב געהאַט צו הערן אַלטע טרויעריקע שפּאַנישע ראָמאַנסעס[57].

## וויליאַמסבורג הײַנט צו טאָג

הײַנט צו טאָג באַשטייט וויליאַמסבורג פֿון צוויי באַזונדערע סבֿיבֿות, חסידים[58] און קינסטלער[59]. נאָך דער מלחמה[60] זײַנען אָנגעקומען פּליטים[61], אַ גרויסע צאָל פֿון זיי חסידים (מערסטנס סאַטמאַרער[62] פֿון אונגערן[63] און רומעניע) און זיך באַזעצט אין די הײַזער פֿון וואַנען די פֿריִערדיקע אימיגראַנטן זענען אַריבער אין די „בעסערע“ געגנטן. אין די זיבעציקער יאָרן האָבן אָנגעהייבן אַרײַנצוקומען יונגע (אָרעמע) קינסטלער וואָס האָבן נישט געקענט באַצאָלן דאָס שרעקלעך הויכע דירה־געלט[64] אין מאַנהאַטאַן. ביסלעכווײַז[65] האָבן זיך געעפֿנט קונסט־גאַלעריעס און מאָדישע „בוטיקן“ און קאַפֿעען. מוזיקער און אַקטיאָרן זײַנען צוגעקומען, געשאַפֿן קליינע טעאַטערס, נאַכטלאָקאַלן[66] און סטודיאָס פֿון מוזיק־




**„די עפּאָכע“, צײַטשריפֿט אויף דזשודעזמע אין סאַלאָניקע (1900).**

פּראָדוקציע, ביז די געגנט איז געוואָרן איינע פֿון די נײַע קונסט־צענטערס פֿון ניו־יאָרק. די חסידים לעבן זיך זייער טראַדיציאָנעל לעבן, רעדן נאָך אַלץ ייִדיש, כאָטש מע הערט אויך אונגעריש אויף די גאַסן. זיי האָבן נישט ליב די „אַרטיסטן“ (ווי זיי רופֿן זיי) אָבער זיי טאָלערירן זיי אין אַ מין אָנגעשפּאַנטן שלום[67]. טוריסטן קומען באַקוקן ביידע פֿענאָמענען, טרינקען אַ קאָפּוטשינאָ אויף איין זײַט און פֿאַרזוכן אַ קניש[68] (גלאַט כשר[69]) אויף יענער זײַט. אויב איר געפֿינט זיך אַ מאָל אין ניו־יאָרק, כאַפּט זיך אַרײַן אויף אַ ווײַלע, ס׳איז גאָר כדאַי[70].

44. sobriquet moqueur/derisive nickname/מתרוצצות 45. OYSYES lettres/letters 46. bien que/although/מתרוצצות 47. SHOLEM paix/peace 48. ennuyer/bother/מתרוצצות 49. éviter/avoid/מתרוצצות 50. AVADE bien sûr/of course/מתרוצצות 51. ... MAYKHOLIM bon plats/delicious dishes/מתרוצצות 52. keftes, boulettes de viande/meatballs/מתרוצצות 53. *fijon y arroz*, riz et haricots/rice and beans/מתרוצצות 54. burek, patisseries salées et fourrées/stuffed pastry/מתרוצצות 55. eau-de-vie/brandy/מתרוצצות 56. raki, eau-de-vie à l'anis/anise-flavored alcoholic drink/מתרוצצות 57. ballades/ballads/מתרוצצות 58. KHSIDIM Juifs hassidiques/Hasidic Jews/מתרוצצות 59. artistes/artists/מתרוצצות 60. MILKHOME guerre/war 61. PLEYTIM réfugiés/refugees/מתרוצצות 62. de/of Satmar/מתרוצצות 63. Hongrie/Hungary/מתרוצצות 64. DIRE-... loyer/rent/מתרוצצות 65. peu à peu/gradually/מתרוצצות 66. boîtes de nuit/nightclubs/מתרוצצות 67. ... SHOLEM sorte de paix tendue/sort of tense peace/מתרוצצות 68. timbale chaude farcie/knish/מתרוצצות 69. ... KOSHER vraiment casher/strictly kosher/מתרוצצות 70. ... KEDA'Y ça vaut la peine/it's really worth it/מתרוצצות.

**[סוף פֿון ז׳ 5]**

אויף דײַטש פֿאַרנאָטירט מיט ייִדישע אותיות זענען נישט קיין זעלטנקייט אין יענער צײַט. עס איז אויך אַ מזל וואָס גאַסער האָט צוגעגעבן אַ קאָמענטירטן אינדעקס פֿון די מענטשן וועגן וועלכע קעוואַל שרײַבט אין זײַן טאָגבוך. אַזוי ווי מע קען זיך נישט דערוויסן אַלץ וועגן זיי נאָר פֿונעם טאָגבוך, איז דער אינדעקס אַ גרויס דערלײַכטערונג פֿאַר אונדז אַלע, וואָס מיר זענען נישט קיין מבֿינים[36] אין דער דאָזיקער תּקופֿה.

מע דערקענט אַז גאַסער האָט שטאַרק איבערגעאַרבעט זײַן דיסערטאַציע, בכדי[37] אַ ברייטער עולם[38] זאָל קענען לייענען דאָס בוך. דער טייל וועגן ייִדיש לעבן אין טשעכיי לייענט זיך גרינג און דער אויטאָר האָט באמת[39] געפֿונען אַ גוטן קאָמפּראָמיס צווישן היסטאָרישע פֿאַקטן און אַ פֿליסיקער נאַראַציע. איבערגייענדיק פֿון קעוואַלס ביאָגראַפֿיע צו אַלגעמיינער געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג[40] פֿונעם ייִדישן בירגערטום[41], באַווײַזט דער פֿאָרשער צו געבן פּרטימדיקע אַרײַנבליקן אין ביידע, אויסמײַדנדיק דערבײַ נודנע[42] פּאַסאַזשן. מע דאַרף אָבער באַמערקן, אַז דער טאָגבוך אַליין איז פֿאָרט אַ היסטאָרישער דאָקומענט, הייסט עס, אַז כּדי עס זאָל זײַן ממש אינטערעסאַנט און פֿאַרשטענדלעך, דאַרף מען שוין עפּעס וויסן וועגן דער רעוואָלוציע פֿון 1848.

נאָר איין טענה[43] קען מען האָבן צו דעם בוך : דער אויטאָר זאָגט צו[44], אַז מע וועט געפֿינען אַ דיגיטאַליזירטע ווערסיע פֿונעם אָריגינעלן טאָגבוך אויף אינטערנעץ פֿון 2010 אָן, נאָר דאָס איז נישט אמת. אָבער אַזוי ווי מיט דער דיגיטאַליזירונג פֿאַרנעמט זיך די עסטרײַכישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, איז עס פּשוט נישט דעם מחברס שולד.

36. MEVINIM experts 37. BIKhDE'Y afin de/in order to 38. OYLEM public/לאַט 39. BEEMES vraiment/really 40. développement/development/ 41. bourgeoisie/citizenship 42. ennuyeux/boring/מתרוצצות 43. TAYNE reproche/complaint/מתרוצצות 44. promet/promises/מתרוצצות 45. MEKhABERS ... faute de l'auteur/author's fault/שקועים במחשבות.


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, זעלדע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן *טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

Prix : 2,50 euros אייראָס 2,50 : פּרײַז